# אונטער אַ פּלויט

(רעוויו)

מײַן צער איז ביז צום טויט...

און נאָר דו, מײַן טאָכטער, קענסט מיך פֿילן און פֿאַרשטיין.

ווײַל הײַנט אויף דער נאַכט האָט מען דײַן בכּבֿודיקן און אין דער געזעלשאַפֿט אָן אָנגעזען אָרט פֿאַרנעמענדיקן טאַטן געקענט טרעפֿן אין צירק, און ניט צווישן קלאָונעס אַלס קלאָון, און ניט אויף די צושויער־בענק קיין צושויער, נאָר אויף די שמאָלע טרעפּלעך, וואָס פֿירן געדרייט, פֿינצטער און לאַבירינטיש צו די גאַרדעראָב־צימערלעך. אַהין איז דײַן טאַטע מיט אַ בוקעט לעצטע בלומען פֿון זײַן גאָרטן און מיט זײַן לעצט ביסל געלט און מיט וויפֿל ס׳איז אים נאָך געבליבן ליבע, צו איינעם אַ צימערל צוגעגאַן, און שטיל, הינטיש און מיט אַ ציטערדיק האַרץ אַהין אָנגעקלאַפּט און זיך אײַנגעהערט:

— מ׳מעג?

— מ׳מעג! — האָט זיך פֿון אינעווייניק געהערט.

און דײַן טאַטע איז צו דער צירק־רײַטערין אַרײַן, וואָס איז שוין אָנגעטאָן און אין לײַבקאָליר פֿאַרן אַרויסטריט געשטאַנען, און זי האָט דאָס בײַטשל געהאַלטן און האָט זיך אין די רײַטערישע שטיוול־כאַליעוועס געקלאַפּט און זי האָט אויף מיר און אויף מײַנע געשאַנקען געקוקט — אויף מיר אַליין, ווי אויף אַן איבעריקן און נאָכשלעפּעניש, און דעם בוקעט האָט זי גענומען און האָט געזאָגט, אַז ער וועט פֿאַר איר פֿערדס קאָפּ שיין זײַן און פּאַסטן, מײַנע זיסקייטן האָט זי געגעסן און אַ פֿול מויל פֿון זיי געהאַט, און פֿון מײַן ליבע האָט זי ניט געהערט און מיטן בײַטשל האָט זיך אַלץ אין די כאַליעוועס געקלאַפּט.

— לילי, — האָב איך שטיל געשעמט זיך און אַרויסגעזאָגט.

און אירע אויגן האָבן אויף מיר מיט באַדויערן געקוקט, און מיט איר קערפּער איז צו מיר אַ פֿרעמדע געשטאַנען, און איר נאָענטקייט מיר אַרויסווײַזן, האָב געזען, איז אויסגעשלאָסן, און פֿאַר קיין פֿאַל און אין קיין פֿאַל ניט מעגלעך.

און דאָ האָט זיך די טיר געעפֿנט און נאָך אַ צירקדינער פֿון אַ צווייט גאַרדעראָב־צימערל האָט זיך אַרײַנגעשטעלט, און דאָס איז אַן אַטלעט געווען, מיט ריזיקע פֿיס און ליטקעס און מיט ברוסטן — צוויי קאַוואַדלעס, און מיט אָרדענס באַהאַנגען, און הענט און פֿיס אים נאַקעט, און דאָס פּנים אַ פֿאַס און די צורה אַ לבֿנה, און ער האָט מיך פֿאַר לילין שטיין דערזען און — „ווער איז דאָס" — בײַ איר אַ פֿרעג געטאָן, און לילי האָט, די זיסקייטן קײַענדיק, אים געענטפֿערט: „ס׳איז אַ שטאָט־געלערנטער און אַ באַוווסטער און איינער פֿון מײַנע פֿאַרערער... כאַ־כאַ..." און זי האָט מײַנע געשאַנקען, מײַן בוקעט און אַלץ, וואָס איך האָב געבראַכט, אים באַוויזן, און יענער האָט דאָס באַטראַכט און אויך מיך, טאָכטער, דײַן טאַטן.

און ביטול־שפּאָס איז אין זײַן קוק געווען, און נישטיק האָב איך אים אויסגעוויזן, און קלאָמפּערשט איז ער אויף לילין ברוגז געווען, און לילי האָט אויף צו שפּאָס זיך כּלומרשט פֿאַר אים פֿאַרענטפֿערט, און כּלומרשט פֿאַר אים מורא געהאַט און פֿאַר מײַן באַזוכן זי בײַ אים אַנטשולדיקונג געבעטן און דער אַטלעט האָט איר אַנטשולדיקט, אָבער מיר ניט, און ער איז צוגעגאַן און האָט מיר מײַן הוט איבער די אויערן אַראָפּגערוקט. און בײַ לילין האָט ער די בײַטש גענומען, מיט איר צו מײַן זײַט אַ קנאַק געטאָן און — „אַרויס", האָט ער געהייסן, „און זאָל דאָ דײַן אָטעם ניט אָטעמען, און זאָל דאָ דײַן געלערנט־געביין זיך מער ניט געפֿינען..."

און איך בין אַרויס און צוריק דורך די געדרייטע און לאַבירינטיש פֿינצטערע קאָרידאָרלעך דורך, און אויפֿן וועג האָט מיט פֿערדישקייט און מיט שטאָל און צירק געשמעקט, און דאָס איז מיר מײַן באַלוינונג פֿאַרן אָוונט און פֿאַר די געשאַנקען, פֿאַר מײַן ליבע און פֿאַר לילין געווען.

און אַז איך בין אַהיימגעקומען און האָב די קליידער איבערגעביטן און זיך אין מײַן היימישן פֿאָטעל אַוועקגעזעצט, האָט איינער אַ שילער מיר אָנגעקלאַפּט און מיט גרויס דרך־ארץ און שטאַרק אויפֿגעהאַלטן בײַ מיר אַ פֿרעג געטאָן:

— מע מעג, לערער?

— מע מעג, — האָב איך געענטפֿערט.

און ער איז אַרײַן און מיט גרויס כּבֿוד זיך פֿאַר מיר אַוועקגעזעצט, און איך האָב מיט אים אַ געשפּרעך פֿאַרפֿירט, גאַרנישט, ווי געוויינטלעך, און ניט וועגן זאַכן, וואָס כ׳האָב, לויט זײַן מיינונג, מיט אים באַדאַרפֿט פֿירן, נאָר וועגן עפּעס אַנדערש, וועגן זײַטיקס און ניט צו אונדזער ביידנס ענין געהערנדיקס — וועגן ליבע גאָר פּלוצעם...

# תחת גדר

צערי עד אפסי מוות.

ורק את, בתי, ללבי תראי ותביני לרעי.

כי הערב ניתן לפגוש את אביך נשוא־הפנים, שמעמד נכבד לו בחברה, בקרקס, ולא בין מוקיונים כמוקיון, ולא במושב הצופים כצופה, אלא על המדרגות הצרות, המוליכות עקלקלות, באפלולית מבוך, אל חדרי המלתחה. שמה אביך, בצרור פרחים אחרונים מגנו ובשארית כספו המעט ובכל מה שנותר מאהבתו, לחדר קטן קרב, וחרש, כלבית, ובלב רוכס, על הדלת דפק והטה אחן:

'מותר?'

'מותר!' – נשמע קול מבפנים.

ואביך נכנס אל רוכבת־הקרקס, שכבר ניצבה בפתח לבושה, והלבוש עינו כעין הבשר, ובידה בשוט החזיקה ועל מגפי־הרכיבה טפחה, והסתכלה בי ובמתנותי – בי גופי, כהסתכל ביותרת ובסרח־עודף, ואת צרור הפרחים מידי לקחה ואמרה, כי נאה־יאה הוא לראש סוסה, ואת ממתקי אכלה ופיה מילאה בהם, ולאהבתי לא שעתה ובמגלב בלי הרף על מגפיה טפחה.

'לילי', בושתי בסתר־לבי ומפי התמלט.

ועיניה בי בחמלה הביטו, ובגופה כזרה לפני ניצבה, וקירבתי לה, ראיתי, לגלות מן הנמנע הוא, ובשום פנים וצורה לא ייתכן.

והנה נפתחה הדלת ונכנס עוד איש־קרקס מחדר־מלתחה אחר, והלה גברתן היה, רגליו וירכיו ענקיות ושדיו – סדנים שניים, ובאותות־הצטיינות מעוטרים, וידיו ורגליו חשופות, ופניו כחבית וצורתן כלבנה, ואותי ראה ניצב לפני לילי, ואותה – 'מי זה?' – שאל, ולילי, בלעסה הממתקים, ענתהו: 'ממלומדי העיר הוא ובעל השם ואחד ממעריצי... חה־חה...' וא.ת מתנותי, צרור פרחי, וכל אשר הבאתי, הראתה לו, והלה התבונן בכל א/ה, ואף בי, בתי, באביך התבונן.

ולעג־ביטול במבטו היה, וכאחד הפחותים בעיניו נראיתי, וכביכול על לילי רגז רגז, ולילי, דרך לצון, כביכול התנצלה לפניו, וכביכול נוראה מפניו ועל ביקורי מחילה ממנו ביקשה, והגברתן מחל לה, אך לא לי, והוא ניגש ואת מגבעתי על אוזני שירבב, ומידי לילי את המגלב לקח, ולעברי הצליף בו, לאחור: 'צא, והבל־פיך אל יהביל פה, ופרצוף־למדנים שלך אל ייראה פה...'

ואני יצאתי לי, ובחזרה במסדרונות העקלקלים והמעולפים אפלולית־מבוך עברתי, ובדרך ריח סוסים ואורוות וקיוקס נדף, וזה שכרי היה על הערב והמתנות, ועל אהבתי ועל לילי.

וכאשר לביתי חזרתי ובגדי חילפתי ובכורסתי ישבתי, דפק אחד התלמידים על דלתי וברוב יראת־כבוד, כבוש־כבוש, שאלני:

'מותר, המורה?'

'מותר,' עניתי.

והוא נכנס וברוב כבוד לפני ישב, ואני שיחה עמו גלגלתי, לא כרגיל כלל־עיקר, ולא על דברים שבהם ראוי היה לי לדעתי להשיח עמו, אלא באיזה עניין אחר, צדדי, שאין לו כל שייכות לשנינו – על האהבה, לפתע פתאום...

החוג לספרות עברית

לשיעון ה-60 של דוד רוסקס

און צו קיין זאַך, און צו ניט קיין איינע פֿון מײַנע געלערנטע, ווײַ־ זיך דעם אויפֿדערנאַכט שוין ניט געקענט נעמען, און איך האָב איינעם אַ בוך געעפֿנט און אים גלײַך אַוועקגעלייגט, אַ צווייטן — און אויך מיטן צווייטן דאָס זעלבע, און אַזוי ווײַטער און אַזוי גאָך, און קיין מחשבֿה האָט זיך מיר ניט געקלעפּט, און קיין איין געדאַנק האָב ביזן סוף ניט געקענט דערטראַכטן.

און פלוצעם, — און איך האָב מײַן אָרט און מײַן שטאַנד וווּ איך בין, און די געזעלשאַפֿט, וווּהין איך קער, פֿאַרגעסן, און מיט אַ מאָל, און איך האָב זיך אַליין אַ קאָמעדיאַנט און אין לײַבקאַליר אָנגעטאָן דערזען: מיט אַ בײַטש אין דער האַנט און ווי אַ רײַטער אין צירק, און אַ גרויסע צירקראַד פֿאַר מיר, און אַ שיינער פֿערד איז מיר צוגעפֿירט געוואָרן און איך בין אויף אים אַרויף, און פֿאַרויס און פֿאַר מיר לויפֿט נאָך אַ שענערס, און לילי איז אויפֿן פֿערד, און מיט איין פֿוס שטייט זי אויפֿן רוקן פֿון פֿערד און מיטן צווייטן ניט אויפֿן רוקן און אין לופֿטן אויסגעשטרעקט, און זי פֿליט, און איך נאָך איר, און אַ גרויסער און פֿולגעפּאַקטער צירק־עולם שווינדלט מיר פֿאַר די אויגן, פֿון אַרום און פֿון קײַלעכיק, פֿון פֿיל מענטשן און פֿון אויגן און באַגײַסטערונג, און יעדער פֿלי פֿון לילין פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם פֿון עולם, און יעדער „האָפּ־האָפּ״ און אויסגעשריי רופֿט באַגײַסטערונג און אַנטציקונג אַרויס, און אויך איך אַליין בין באַגײַסטערט, און איך אײַל איר נאָך, און אויך איך שטעל זיך מיט די פֿיס אויפֿן רוקן פֿונעם פֿערד, און זי איז פֿאַר מיר אין איר לײַכט קלייד מיט איר קערפּער דעם לופֿטיקן...

און מיט אַ מאָל טוט זי זיך אַ קערעווע אויס, פֿון קאָפּ פֿון פֿערד און מיטן פנים אויף צוריק און צו פֿערדס עק שטעלט זיך, און דאָס פֿערד אירס לויפֿט ווי פֿריִער, און איר פנים איז, פֿאַרנדיק, צו מיר געקערעוועט, און דער עולם פּאַטשט, און לילי, אַזוי אויפֿן פֿערד שטייענדיק, צו מיר אַ האַנט שטרעקט אויס, און איך — צו איר, און מיר קענען זיך פֿאַר די הענט ניט אָננעמען, ווײַל די פֿערד זײַנען צווישן, נאָר מיר פֿילן, גלײַך מיר נעמען זיך יאָ פֿאַר די הענט, און איר דערפֿאָלג איז מײַנער, און דעם עולמס באַגײַסטערונג טייל אויך איך. און לילי טוט זיך ווידער אַ קערעווע, און ווידער צו מיר מיטן רוקן, און זי פֿאָרט און קנאַקט מיט דער בײַטש און לויפֿט, און איין מאָל אַ ראָד און דעם צווייטן מאָל אַ ראָד און דעם דריטן מאָל, אַז מיר קומען צום אָרט, פֿון וואַנען די פֿערד דאַרפֿן פֿון דער רײַט־פֿאָרשטעלונג אַרויס און פֿאַרשווינדן, פֿלי איך אַראָפּ צו ערשט און גלײַך אויף דער ערד, און ביז לילי מיט איר פֿערד קומט אונטער, דערלאַנג איר אַ האַנט און העלף איר אויפֿן באָדן שפּרינגען, און די פֿערד ווערן פֿון די דינער פֿאַרטריבן און מיר אײַלן זיי נאָך, אָבער דער עולם לאָזט אונדז ניט אָפּ, און מ׳רופֿט אונדז און מיר קערעווען זיך אויף צוריק אויס, און מיר נייגן זיך און דאָס איז אונדזער ערשטער נומער.

און אַז צום צווייטן מאָל, אַז מיר זײַנען אויף די פֿערד אַרויס, ווייס איך ניט ווי אַזוי און פֿון וואַנען האָסטו זיך גענומען, נאָר אויך דו, מײַן טאָכטער, האָסט זיך פלוצעם אין צירקראַד באַוויזן, דאָרט, וווּ די פֿאָרשטעלונגען ווערן געמאַכט, און וווּ אַלע קונצן מיט פֿערד, מיט חיות, און וווּ די קלאָונעס און קאָמעדיאַנטן אַרבעטן.

און פלוצעם, און ווי איך מיט לילין האָבן אַזוי געריטן, האָסטו זיך אונדז אין וועג געטראָפֿן, האָסט אונדז אויף אונדזער רײַטוועג אויסגעוואַרט, און קאָמעדיאַנטיש אָפּגערעדט, האָסט זיך געזאָלט אין מיטן ריט אויף עמעצנס פֿון אונדזערע ביידנס פֿערד אַרויפֿכאַפּן...

און אַזוי איז טאַקע געווען: און די ערשטע האָט דיך לילי באַגעגנט, און דו ביסט צו איר אויפֿן פֿערד אַרויף, און גראַציעז ביסטו געווען און יונג און געשיקט און פֿאַר אַ צירק־עולם צו באַוווּנדערן... און דו ביסט שטיין געבליבן אויפֿן פֿערד, און שטייענדיק, האָט איר ביידע געריטן, און דו האָסט זיך פֿאַר לילין אָנגעהאַלטן, און איך בין אויך נאָכגעריטן. און ווידער פלוצעם, און ווידער קאָמעדיאַנטיש אָפּגעמאַכט, האָסטו, מײַן טאָכטער, אויף לילים הענט זיך באַדאַרפֿט אָנשפּאַרן און זיך אַ הייב טאָן, און מיט דײַנע הענט אין אירע אָנגעשפּאַרט און דעם קערפּער אין דער לופֿטן אויפֿגעהויבן, אַזוי זיך האַלטן און אַקראָבאַטיש אַזוי מיטרײַטן...

און איך האָב דאָס צוזען באַדאַרפֿט, און מײַנע אויגן פֿון פֿערד ניט אַראָפּלאָזן, זען, ווי ער שטעלט פֿיס, און ווי ער האַלט זיך, און ער זאָל די פֿאַרויסגעשטעלטע גיכקייט ניט פֿאַרגיכערן, און אויך אויף לילין און אויף איר גלײַכגעוויכט און איר אויפֿן פֿערד זיך האַלטן האָב געקוקט, און אַלץ איז בײַ מיר אין אויג געווען, און קיין מינדסטע באַוועגונג ניט פֿון פֿערד און ניט פֿון לילין — האָב ניט געטאָרט פֿאַרלירן, און ווען יאָ, איז אַ צירקסקאַנדאַל, און ווען יאָ, קען נאָך אַ מאָל ערגערס טרעפֿן, און אַן אומגליק קען געשען, און לילי קען זיך אַ גליטש טאָן, און ביידע סײַ זי, סײַ דו — קענען אַראָפּפֿאַלן...

ולשום עניין, ולשום אחד מן החכמים היקרים ללבי, באותו ערב לשעות לא יכולתי, וספר אחד פתחתי ותיכף מידי הנחתיו, ספר שני-ודינו כדין הראשון, וכך הלאה וכיוצא בזה, ושום מחשבה לא עלתה בדעתי, ושום רעיון להביא לידי גמר לא יכולתי.

ופתאום-ואת מקומי ומעמדי, ואת החברה אשר עליה אתייחס שכחתי. ולפתע, ואת עצמי כמוקיון ובלבוש מעין־הבשר ראיתי; מגלב בידי, וכרוכב קרקס, חירת־קרקס גדולה לפני, וסוס נאה הובא אלי, ואני על הסוס עליתי, וממול, לפני, סוס יפה ממנו שוטף, ולילי על הסוס, וברגל אחת ניצבת היא על גב הסוס ובשניה לא על גבו, אלא בחלל שלוחה היא, והיא מעופפת, ואני אחריה, וקהל־קרקס עצום ורב מסתחרר לנגד עיני, מן הסובב ומן העגול, מרוב האדם ומרוב העינים ומרוב התלהבות, וכל מעוף של לילי עוצר נשימת הקהל, וכל ׳הופ־הופ׳ וקול־תשואה מעורר התלהבות והתפעלות, ואני עצמי מתלהב, ואני אץ אחריה, ואף אני מתייצב ברגלי על גב הסוס, והיא לפני בשמלתה הקלה ובגופה האוורירי...

ופתאום לאחוריה נפנית היא, מראשו של הסוס ופניו אחורנית ואל זנב הסוס ניצבת היא, וסוסה שוטף כבתחילה, ופניה, ברכבה, נטויים, והקהל מוחא כפיים, ולילי, כעמדה על הסוס כן, אלי יד תשלח, ואני-יד אליה, ולא נוכל בידינו לאחוז, כי הסוסים בינינו, אך אנו חשים, כאילו אחוז נאחז בידינו והצלחתה הצלחתי, ולהתלהבות הקהל שותף אף אני. ולילי נפנית שוב, ושוב גבה אלי, והיא דוהרת וצולפת במגלב ושוטפת, ואחת חגה, ובשנית חגה, ובשלישית, עד שאנו באים למקום, שממנו על הסוסים להסתלק ולהיעלם מרצוגת הרכיבה, ואני צונח ראשון וישר לארץ, ועד שלילי באה בסוסה מושיט אני לה יד ועוזר לה לארץ לקפוץ, והסוסים על־ידי המשרתים מוצאים, ואנו חשים אחריהם, אך הקהל אינו מרפה מעמנו, וקוראים לנו, ואנו שבים לאחורינו וקדים, וזוהי ההופעה הראשונה שלנו.

ובפעם השנייה, עת בסוסים יצאנו, איני יודע כיצד ומאין באת, כי אף את, בתי, פתאום בזירת הקרקס נגלית, במקום שם ההצגות נערכות, וכל הלהטים בסוסים, ובחיות, ושם המוקיונים והמומוסים עושים.

ופתאום. ועד שאני ולילי רוכבים כה, לפנינו בדרך נקרית, לנו בדרך רכבנו המתנת, ומעשה מומוס מוסכם אמרת בעצם הרכיבה על אחד מסוסינו לקפוץ ולעלות...

ואמנם כך היה: וראשונה לילי פניך הקבילה, ואת על סוסה עלית, ומלאת־חן היית וצעירה וזריזה וראויה להפלאת קהל בקרקס... ואת עמדת על הסוס, ובמעומד שתיכן רכבתן, ואת בלילי נאחזת, ואני אף אני אחריכן רכבתי. ושוב לפתע פתאום, ושוב מעשה מומוס מוסכם, בתי, ביקשת על ידיה של לילי להישען ולהתרומם, ובהישען בידיך על ידיה וגופך מורם באוויר, להיות כך תלויה ועומדת, ודרך לוליינים כך הלאה לרכב...

ואני-לראות כל זאת ניטל עלי, ועיני מן הסוס לא לגרוע, לראות, איך ידהר, ועמידתו כיצד, ולבל מהירות על המהירות הקבועה מראש יוסיף, וגם אל לילי ואל שוויון־משקלה ואל עמידתה על הסוס התבוננתי, והכול

און אַזוי איז טאַקע געשען: און אַז לילי האָט דיך אַזוי אַן אויפגעהויבענע געהאַלטן און מיט דיר אַ האַלבן טור נאָר אין צירקקרייַז געמאַכט, אַזוי ווייס איך ניט פאַר וואָס, צי ווייַל דער עולם האָט פלוצעם אַפּלאָדירן גענומען, צי איבער עפּעס אַן אַנדער סיבה, און איבער עמעצנס אַנדערש שולד, נאָר פלוצעם האָט דאָס פערד עפּעס דעם קאָפּ אַ בייג געטאָן. און לילי זיך — אַ גליטש, און גראָד זייַט איר דעמאָלט פאַרבייַ דעם באַריער, וואָס טיילט אָפּ דאָס פּובליקום פון דעם פאַרשטעלונג־אָרט אָפּ, דורכגעפאָרן, און דו, טאָכטער, האָסט אַ פאַל געטאָן, און איך האָב דייַן שאַרבן אין האָלצבאַריער אַ בראָך טאָן דערהערט...

און דער עולם האָט זיך דערשראָקן און אַלע מיט אַ מאָל האָבן „אַך" אויסגעשריגן, און לילי איז אַראָפּ, און דאָס פערד איז שטיין געבליבן, און איך בין צו דיר צו, און עפּעס האָב איך דיר געטאָן, און פלוצעם, און איך ווייס ניט ווי איז דאָס געקומען, און ווי געשען, נאָר איך האָב זיך אין מייַן צימער געטראָפן, און דער גאַנצער צירק, דער פאַרשטעלונג־קרייַז, דער עולם און דער גרויסער טומל פון דייַן פאַל איז מיר פון אויג און אויער פאַרשוווּנדן, און געטראָפן האָבן מיר זיך ביידע אין צימער אַליין, און דו ביסט אַ פאַרוווּנדעטע און מיט אַ פאַרבאַנדאַזשעוועטן קאָפּ אויף מייַן בעט געלעגן, און איך האָב דיר אייַז געלייגט און האַנטעכער גענעצט, און דו ביסט פאַרטראָגן געווען און איך האָב אויף דיר געקוקט, און איך האָב מייַן שולד פאַר דיר געפילט, און דייַן ווייטיק — מייַן בזיון, און דייַן אין היץ פאַרטראָגנקייט — מייַן אַנגסט מייַן גרויסע.

און איך בין געזעסן איבער דיר, און דו האָסט אָפּט מיט די ליפּן גערירט און פון היץ גערעדט, און דערמאָנט האָסטו אַלע מאָל: „איך און דער טאַטע, דער טאַטע אין צירק, און דער טאַטע אַ קאָמעדיאַנט אין צירק"... און איך האָב אי געוויטיקט, אי זיך געשעמט, און כאָטש דו האָסט מיך ניט געזען, און כאָטש דו האָסט די אויגן צו געהאַלטן און ניט געקוקט אויף מיר.

און ס'איז שוין שפּעט אין אָוונט געווען. און געדאַכט האָט מיר, אַז עמעצער האָט מיר אין טיר אָנגעקלאַפּט, און מע האָט בייַ מיר „צי מע מעג" אָנגעפרעגט, און איך האָב „מע מעג" געענטפערט, און די טיר האָט זיך געעפנט, און ווידער אַ מאָל איז מייַן שילער, דער, וואָס האָט מיך פריִער באַזוכט און נאָכן געשפּרעך מיט מיר אַוועקגעגאַן, אַרייַן, אַרייַן און גוטן אָוונט געזאָגט.

— גוטן אָוונט, לערער!

— וואָס איז געשען, און וואָס האָט אים אין אַזאַ שפּעטער שעה געבראַכט אַהער — האָב איך אים געפרעגט.

און ער האָט געענטפערט:

— כ'האָב געהערט, וואָס אין צירק איז פאָרגעקומען, און, לערער, און אַז אייַער טאָכטער איז געשעדיקט... בין איך געקומען אַ קוק טאָן, זען און געוווירע ווערן, און אפשר איז אייַך עמעצנס הילף אויך נייטיק.

— אַך, אַזוי, — האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן, — איז, הייסט עס, ווייסט מען שוין פון צירק?

— יאָ, און די גאַנצע שטאָט רעדט שוין דערפון, און מע וווּנדערט זיך און מע קען ניט באַנעמען, ווי קומט איר אויף אַ פערד גאָר, און ווי קומט איר צו רייַטן, און מע קען ניט פאַרשטיין, און מע זאָגט, אַז דאָס האָט געוויס דער צירק־דירעקטאָר איינעם זייַנעם אַ דינער פאַר אייַך פאַרשטעלט, און די כוונה זייַנע ווייסט מען ניט, צי מיינט ער רעקלאַמע, צי וויל ער (מעגלעך, ברוגז אויף אייַך, מעגלעך, ער האָט ווען אַ מאָל געהאַט מיט אייַך חשבונות) אייַך און אייַער שיינעם נאָמען פאַרשעמען. אַזוי, צי אַנדערש, נאָר מיר, אייַערע שילער, און אַ סך אויך פון עולם האַלטן, אַז דאָס זייַט ניט איר געווען, און אום זיך צו איבערצייגן, און אום מיט די אייגענע אויגן דאָס צו זען, האָבן מיך מייַנע חברים אויסגעקליבן און געבעטן, אַז ניט געקוקט אויף דער שפּעטער שעה, זאָל איך גיין צו אייַך, און קומען, אַ קוק טאָן און זען און דאָס פאַלש און פאַרשטעלעניש פעסטשטעלן...

און דאָ האָט דער שילער זיך אין צימער אַרומגעקוקט און דיך, מייַן טאָכטער, אויפן בעט דערזען, און ער איז אָפּהענגטיק געוואָרן און ער האָט שטאַמלען גענומען:

— נאָר... ווי איך זע, לערער, איז וואָס מע האָט פון צירק דערציילט, טאַקע אמת, און די צירק־באַזוכער האָבן זיך ניט אָפּגענאַרט, איז וואָס זאָל דאָס הייסן און וואָס זאָל דאָס באַטייַטן, און וואָס זאָל איך מייַנע חברים, אייַערע שילער, זאָגן?

אַזוי האָט מייַן שילער דאָן געזאָגט, און איך האָב אויף אים געקוקט און ניט געהאַט וואָס צו אָפּענטפערן און איך האָב נאָר צוריק געשטאַמלט:

— זאָגן? יאָ זאָגן, אַז... ס'איז אמת, און אָט איז אַ סימן, און אָט ליגט די טאָכטער מייַנע אין בעט.

און דער שילער האָט אויף דייַן בעט, טאָכטער, געקוקט, און ער האָט זיך מיט זייַן בליק פאַרהאַלטן, און אַ צער איז געווען אויף זייַן פּנים, און ער האָט אויף מיר אַ פאַרוואָרפלעכן בליק געטאָן און מיט גרויס מיטלייד אויף מייַן ירידה, און ער איז נאָך געשטאַנען אַ ווייַלע און ער האָט זיך אויסגעדרייט אויף אַוועקגיין, און פאַר אַוועקגיין האָט ער זיך נאָך אַ מאָל אויסגעקערעוועט, און לסוף אַרויסגעגאַן און די טיר נאָך זיך פאַרמאַכט.

עיני ראתה, ותנועה קלה שבקלות, לא של הסוס ולא של לילי — חס לי שתיעלם מעיני, שאם כן, הוי שערוריה בקרקס, ואם כן, ייתכן כי רעה מזו תאונה, ואסון יקרה, ולילי אולי תמעד, ושתיכן — גם היא גם את — אולי תפולנה...

אומנם כך אירע: וכאשר לילי אותך כך בידיה הגביהה־תמכה, ועמך רק חצי הקפה בזירת הקרקס הקיפה, איני יודע מפני מה, אם מפני שהקהל החל פתאום כף למחוא, זו מפני איזו סיבה אחרת, ובאשמת אחר, אך פתאום הסוס משום־מה את ראשו הרכין, ולילי — מעוד מעדה, ודווקא אז עברתן על פני המחיצה, המפרידה בין הקהל ובין שטח־ההצגה, ואת, בתי, מן הסוס נפלת, ואת קול גולגלתך בהישברה אל מחיצת־העץ שמעתי...

והקהל התחלחל, והכול בבת־אחת 'הה' קראו, ולילי ירדה ארצה, והסוס עמד תחתיו, ואני אליך ניגשתי, ומשהו בך עשיתי, ופתאום, ואיני יודע איך בא הדבר ונהיה, אך הנה את עצמי בחדרי מצאתי, וכל הקרקס, במת־החיזיון, הקהל והרעש הגדול של נפילתך, מעיני ומאחני נעלמו, ואנו נמצאנו בחדר שנינו בלבד, ואת, פצועה וחבושת־ראש על מיטתי שכבת, ואני קרח על ראשך נתתי ומגבות במים הרטבתי, ואת נרגשת היית ואני אליך התבוננתי, ואשמתי כלפיך חשתי, ואת מכאובך — בזיוני, ואת דמדומך בחומך — פחדי הגדול.

ואני ישבתי מעליך, ואת בשפתיך פעמים הרבה הרחשת ובקדחך דיברת, ובכל פעם הזכרת; 'אני ואבא, אבא בקרקס, ואבא מוקיון בקרקס...' ואני כאבתי אף בושתי, ואף כי עיניך עצמת ולא הבטת אלי.

וכבר שעת־ערב מאוחרת היתה. ואני דימיתי כי מישהו על הדלת דפק, ו'האם מותר' שאלני, ואני 'מותר' השיבותי, והדלת נפתחה, ושב זה תלמידי, אשר ביקרני קודם ואחר שיחתנו הלך, נכנס לחדר, נכנס ו'ערב טוב' אמר.

'ערב טוב, מורי ורבי!'

'מה קרה, ובשעה כה מאוחרת מה זה הביאו הלום', שאלתיו.

והוא ענה:

'שמעתי אשר בקרקס קרה וכי, מורי ורבי, כי בתך ניזוקה... באתי אפוא לראות, לשמוע ולהיווכח, ואולי עזרת אדם דרושה לכם'.

'האמנם כן', קראתי, 'כלומר, כבר נודע המעשה שהיה בקרקס?'

'כן', וכבר היה הדבר בעיר לשיחה בפי כול, והכול משתוממים ואין תופסים, מה לך ולסוס, מה לך ולרכיבה, ואין מבינים, ואומרים, שמן הסתם מנהל הקרקס לאחד ממשרתיו דמותך הלביש, וכוונתו לא נודעה, אם בפרסומת רצה, ואם היה בדעתו (אולי מרוגז עליך, ואולי מחשבונות ישנים בינו לבינך) לביישך ושמך הטוב להכתים. על כל פנים, אנו, תלמידיך, ואף רבים מן הקהל, סבורים, כי לא אתה היית האיש, ולמען דעת דבר לאשורו, ועין בעין לראות, בחרו בי חברי וביקשו ממני, כי בלי להשגיח בשעה המאוחרת אלך אליך, ואבוא ואציץ ואראה, ועל הכזב וההתחפשות אעמוד...'

וכאן התלמיד את החדר סקר, ואותך, בתי, על המיטה ראה, ועשתונותיו אבדו ובגמגום פתח:

'אלא... כפי שאני רואה, מורי ורבי, הרי מה שהוגד על הקרקס אמת לאמיתה היא, ומבקרי הקרקס לא נתבדו; מה אפוא פשר הדבר ומה פירושו, ומה לחברי, תלמידיך, עלי להגיד'.

כך תלמידי אותה שעה אמר, ואני בו הסתכלתי ומענה לא היה בפי, ורק בגמגום לו השיבותי:

'להגיד? כן, להגיד, כי... אמת היא, והרי הסימן, והרי בתי שוכבת במיטה'.

והתלמיד במיטתך, בתי, הסתכל, והוא השהה מבטו, וצער היה נסוך על פניו, והוא נתן בי מבט של תוכחה עם חמלה רבתי על ירידתי, והוא עוד עמד שעה קלה והנה פנה ללכת, אך לפני לכתו — לאחוריו חזר ונפנה, ולבסוף יצא והדלת אחריו סגר.

ואנוכי, בתי, עמך לבדי נשארתי, ושוב את במיטה ואני לידך יושב, ואליך, בקדחך וברגשתך, ובראשך החבוש, מביט.

ופתאום: וקירות חדרנו נפתחו, וחורים וסדקים בהם ניבעו, ובכל חור ראש, ובכל סדק עיניים ראיתי, ופני אנשים רבים בקירות, ואחדים שן חרקו, ואחרים מבטי־זעם העיפו, ואחרים מתוך החורים ידיהם שלחו, ולפתע, — וברד אבנים על מיטתך ניתך, וכוונתם לא לך, אלא לי, כמובן, ועם האבנים קולות נשמעו: 'נואף זקן שכמותך, אשר בתך לזונת־קרקס מכרת, בתך לזונה...'

און פלוצעם און ניט קיין סך האָט געדויערט, און איך האָב זיך אויפן פּאָטערס אָרט אין מיטן בעטל געטראָפן, און די מוטער פון מײַן איין זײַט, און דאָס קינד פון דער צווייטער, און דער שטויב־פאַרשוין איז געשטאַנען און געקוקט אויף מיר. און אַז איך האָב בײַ אים אַ פרעג געטאָן: וואָס איז דאָ און וואָס קומט דאָ פאָר, האָט ער אַ זאָג געטאָן: און אָט איז די מלאכה מײַנע, און אָט דאָס איז מײַן טועכץ דאָ באַשטענדיק: דער פּאָטער שטרוי און האָט ניט וואָס צו זייגן, די מוטער — מוטער און האָט קיין ברוסטן ניט, און דאָס קינד וויל עסן, זייגט און שטעכט זיך, און אַלע דרײַ דאַרף איך שפּײַזן און אויסהאַלטן, און אַ קווערטל אַ פאַרזשאַווערטס, ווי דו זעסט, שטייט דאָ, און איך צאַפּ געץ און שימל פון די ווענט און דערלאַנג זיי, און אויף זיי, זייער ליגן אין בעט זיי באַלײַכטן, קלײַב איך האָר פון בערד און פון פליכעס נזירישע, מאַך קנייטלעך און צינד זיי פײַער אָן.

— און וואָס טו איך דאָ? — האָב איך נאָך אַ מאָל בײַם שטויב־פאַרשוין געפרעגט, — און ווי קום איך אויפן בעטל אַהער, און וואָס האָב איך מיט מוטער־קינד און שטרוי צו טאָן?

— דו, — האָט ער מיר געענטפערט, — ס'איז דאָך דײַן שטרוי און דײַן מלאכה שטרויענע, דו און אַלע דײַנע ברידער נזירים אַזוינע, און פון אײַער שטרוי־לעבן זײַנען אײַך אַזוינע קינדער אַרויסגעקומען, און איר זייגט זיי און איר האָט ניט מיט וואָס, און איר דרייט זיך און קאָרטשעט זיך...

און דאָ האָב איך זיך פון מײַן געלעגער אויפגעכאַפּט און אויפן בעט זיך אויפגעזעצט, און פונעם ווײַב האָב איך זיך אָפּגערוקט, און דאָס קינד צו מיט בעט צוגעשאַרט און אַליין האָב די פיס אויפן פּאָל אַראָפּגעלאָזט און אַזוי זיצן געבליבן: דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און די אויגן צו דער ערד, און די אויגן זײַנען מיר נאַס געוואָרן, און טרערן האָבן גענומען גיין.

און איך האָב געוויינט. און פריִער זײַנען מײַנע טרערן אויף מײַנע הענט מיר געפאַלן, דערנאָך אויף די קני און אויפן פּאָל אַראָפּ און זיי האָבן ווי פון אַ דאַך אַראָפּגעקאַפּעט, און זיי האָבן די פּאָל פריִער נאַס געמאַכט, דערנאָך שוין צו אַ ריטשקעלע געוואָרן, און דער שטויב־פאַרשוין איז אַלץ איבער מיר געשטאַנען און מיר אויף מײַן קאָפּ געקוקט, און דאַן, און אַז כ'האָב זיך שוין אָנגעוויינט אַ סך, און דאָס ריטשקעלע שוין פול און אָנגעזען, אַזוי האָט מיר דער שטויב־פאַרשוין די פיס אַהין אַרײַנטאָן געהייסן, און איך האָב אַרײַנגעטאָן.

און באַלד האָב איך אין דער וואַנט, וואָס אַנטקעגן זיך, עפּעס ווי אַ ליכט־רעדעלע דערזען, אַ קליינס און ווי פון אַ גלעזל פון אַ לאָמפּ אַ מאָל אויף אַ וואַנט שײַנט אָפּ, און די שײַן איז זיך צעוואַקסן, און דאָס רעדל האָט וואָס אַ מאָל אַלץ מער זיך צעברייטערן און צעעפענען גענומען, און באַלד שוין אויף דער גאַנצער וואַנט אַ ראָד, און נאָך אַ ביסל, און די וואַנט אַליין האָט זיך ווי אַן עפן געטאָן און איך האָב, אויפן ברעטל זיצנדיק, און די פיס אין די טרערן האַלטנדיק, פאַר זיך אַ גרויסן דרויסן דערזען, און דער דרויסן האָט מיר, נאָכן קליינעם שטיבל מיטן קליינעם קאַנעצל באַלויכטן, מיט אַ גוואַלדיקער שײַן אַ בלענד געטאָן, און געדאַכט האָט מיר, איך זע אַ ים אַ גאַנצן...

און ס'איז טאַקע אַ ים געווען, און ניט ווײַט פון מײַן שטיבעלע און פון מײַן בעטל האָט מען דעם ברעג אָנגעזען, און בײַם ברעג זײַנען עפּעס גרופּעס מענטשן געשטאַנען, און אַלע האָבן עפּעס אַזוי ווי פאַר עמעצנס אַ באַגראָבן אויסגעזען, און אין מיטן פון די אַלע גרופּעס איז עפּעס איינער אַ מענטש און מיר זייער אַ באַקאַנטער געשטאַנען, און העכער האָט ער אויסגעזען און בלאַסער און בכּבֿודיקער פון אַלע, אָבער ווי אַ פאַרמישפּטער, און גלײַך די גרופּעס האָבן זיך צוליב אים טאַקע פאַרזאַמלט, ווי אים פון הויכן ברעג אין ים אַרײַנוואַרפן, אָדער פון אויבן און אין דר'ערד אים אַ קבֿר גראָבן...

ופתאום, ושעה קלה לא עברה, ואת עצמי במקום האב במיטה מצאתי, והאם מעבר לי מזה, והתינוק מעבר לי מזה, ובן־האבק עומד ומסתכל בי. וכששאלתיו: מה הדבר אשר לפני ומה התרחש כאן, אמר: והרי מלאכתי שלי לפניך, וזה פעלי פה תמיד: האב תבן ואין חלב להיניק, האם – אם ושדים אין לה, והתינוק רוצה לאכול, יונק ודוקר, ואת כל השלושה עלי לכלכל ולקיים, ולגין חלוד, עיניך רואות, עומד כאן, ואני, שואב טחב ועובש מהקירות ונותן לפניהם, ולמען שכבם במיטה אאיר, מלקט אני נימים מזקנים ומקרחות של נזירים, מתקין פתילות ואש מבעיר להם.

'ואני, מה לי פה?' שוב את בן־האבק שאלתי, 'כיצד לכאן, למיטה, נקלעתי, ומה לי ולאם ולתינוק ולתבן?'

'אתה', ענני, 'הרי זה תבנך, חו מלאכתך תבן, אתה וכל אחיך הנזירים כמוך, ומחי־כם־תבן ילדים אשר כאלה יצאו, ותיניקום ואין חלב, ותתפתלו ותתכווצו...'

וכאן ממשכבי נגערתי ועל המיטה ישבתי, ומן האשה עצמי הזזתי, ואת התינוק לאמצע המיטה הזחתי, ורגלי לארץ שלשלתי, וכך מעתה ישבתי: ראשי מושפל ועיני לארץ, ועיני לחות, ודמעות תזלוגה.

ובכה בכיתי. ותחילה דמעותי על ידי נשרו, ואחרי כן על ברכי ועל הרצפה, וכמו מגג נטפו, ואת הרצפה תחילה הרטיבו, ואחרי כן לפלג היו, ובן־האבק כל הזמן עלי עמד ואל פני התבונן, ולבסוף, לאחר שבכיתי כנפשי שבעי, והפלג כבר היה מלא ונכבד, קם בן־האבק ורגלי עלי להטביל בהן ציווה, ואטבילן.

ובמהרה, בכותל שממולי, כעין עיגול־אור ראיתי, קטן וכזה אשר לפעמים מזוגית של עששית על פני כותל נוגה, והאור גדל, והעיגול יותר ויותר נתרחב ונתפתח, ובמהרה כבר כל הכותל כולו הקיף, והכותל עצמו כמו נפתח, ואני, יושב על המיטה, ורגלי בדמעות, לפני חוץ גדול ורחב נגלה, והחוץ, לאחר החדר הקטן והעששית הקטנה, האר האירני, ובאור עצום הבהיק לעומתי, ודומה הייתי, כאילו ים ממש תחזינה עיני...

ואכן ים ראיתי, ולא הרחק מחדרי וממיטתי החוף נגלה, ועל שפתו חבורות של מיני בריות עמדו, וכולם כאומרים להביא מי לקבורה נראו, ובתוך כל החבורות הללו אדם אחד מוכר לי מאד עמד, ורם־קומה נראה וחיוור ותשוא־פנים מכל השאר, אך כמי שנידון, וכל החבורות כמו בשלו נקבצו, כאילו מעל החוף הנישא אותו הימה להשליך, או למעלה באדמה לו קבר לכרות...

און — „אוודאי, אוודאי״, — האָבן אייניקע פֿון פּובליקום מיט די קעפּ געשאָקלט און דעם שטויב־פֿאַרשוין גערעכט געגעבן. — „אוודאי און ס׳איז אַ יושר...״

און דער שטויב־פֿאַרשוין האָט דאָס קאָפּ שאָקלען און די הסכמות פֿון די אייניקע אונטערגעכאַפּט, און ער האָט ווײַטער פֿאָרגעזעצט און ווײַטער געזאָגט:

— און שוין לאַנג, אַז איך האָב אים אויפֿן געדאַנק גענומען, און געטראַכט, וואָס צו טאָן מיט אים, און אַז קיין מלאָכה האָט ער ניט, און נזירים־הענט זײַנען קיין הענט ניט, און פֿון זײַן הויז האָט ער ניט געהאַט וואָס אַרויסצוטראָגן, אויסער דאָס, וואָס איר זעט אין שויס בײַ אים, דאָס, וואָס ער האָט אין צוזאַמענלעבן מיט זײַן נאָר וואָס אין פֿלאַם פֿאַרשווונדענעם ווײַב געהאַט, און איידער כ׳האָב זיך באַשלאָסן אים פֿאַר דער וועלט אַרויספֿירן און ברענגען, איידער כ׳בין מיט אים פֿון זײַן טורעם אויף דער גאַס אַרויס, און אַ צײַט נאָך דערפֿרײַער, ווען כ׳האָב דערפֿילט, אַז סוף כל סוף וועט דאָך מוזן אַרויס און דעם בנין פֿאַרלאָזן, און אַזוי ווי פֿון אים אַליין און פֿון זײַן גאָרנישט ניט טויגן איז ניט צו האָפֿן געווען, און אויב אויף קיין נסים ניט, ווײַל זיי געשעען ניט, און אויף קיינע צופֿעליקייטן און גליקן, ווײַל טאָמער גליקן זיי ניט און טרעפֿן זיך ניט די צופֿעליקייטן, האָב איך זיך דערום אַ צײַט דערפֿרײַער שוין אַליין צום אַרויסגאַנג גרייטן גענומען, און אין אַלע הויז־ווינקלען האָב אַרומגעשנאָרעט און אין אַלע שאַפֿעס, קאַסטנס און לעכער געזוכט, און טאָמער אַ מציאה, טאָמער גאָלד אָדער אַ חפֿץ אַ פֿאַרוואַלגערטער — און איך האָב גאָרנישט ניט געפֿונען, ווײַל אַלעס געווועזענע אין בנין איז שוין פֿון פֿאַר אונדז, פֿאַר מיר מיט אים, פֿון אַנדערע צעשלעפּט געוואָרן, און אויף אונדזער חלק איז שוין גאָרנישט ניט אָנגעקומען, אויסער שטויב און שמאַטעס אַלטע, אויסער שמות מיט מײַזנקויט באַדעקטע, און — באין ברירה — און איך האָב צווישן די שמאַטעס געזוכט און זיך געפּאָרקעט, און פֿון די שמאַטעס האָב גאָרנישט ניט געמאַכט, און קיין טענדלער האָט זיי אין די הענט ניט געוואָלט נעמען, ווײַל אויסער געברויך און אויסער נוצן, און קיינער האָט פֿאַר זיי קיין פּרוטה ניט געוואָלט געבן. און פֿון צווישן די שמות האָב יאָ עפּעס באַקומען, און איין מאָל האָב צווישן זיי אַ נבֿואה־ און טרעפֿער־ביכעלע געפֿונען: אַן טאָוועלעך און מיט פֿאַרגעלטע בלעטער, און איך האָב דאָס לייענען גענומען און אַלע פֿאָרויסזאָגונגען אויסצולערנען, און איינע אַ פֿאָרויסזאָגונג, — און אויב איר ווילט זי הערן, מײַנע דאַמען און הערן, — קען איך אײַך דאָ איבערגעבן און פֿאָרלייענען...

און — „מיר ווילן, מיר ווילן״ — האָבן אייניקע פֿון עולם זייער ווילן אויסצוהערן אויסגעדריקט.

און דער שטויב־פֿאַרשוין האָט צוליב געטאָן, און באַלד האָט ער זײַן האַנט אין זײַן בוזעמטאַש אַרײַנגעשטעקט, און פֿון דאָרט דאָס פֿאַרשפּראָכענע ביכעלע, וואָס פֿאַרגעלט און אָן טאָוועלעך, אַרויסגענומען, און ער האָט אין דעם אַ מיש געטאָן, און ער האָט זיך אויפֿן נייטיקן אָרט דאָרט אָפּגעשטעלט און, אויפֿן עולם שוין ניט קוקנדיק, פֿון דאָרט אַרויסגעלייענט:

— און אָט, און די פֿאָרויסזאָגונג זאָגט:

„איינס, זאָגט זי, און ער וועט אָרעם זײַן און אויף גאָר שוין ניט פֿעיִק, און זײַן חיונה וועט ער ציִען פֿון אַ קיישל שפּאָט, וואָס ער וועט אַרומטראָגן, אויף זיך אַליין, און אויף זײַנע נעכטיקע לערעס און לערערס — אַ קיישל לעסטערונג אויף צו פֿאַרקויפֿן״. „צוויי, זאָגט זי, און אַלע זײַנע וועגן זיך אויסגעלאָזט, און אַלע זײַנע גענג אויסגעגאַן און איין נאָר גאַנג וועט אים בלײַבן — אין צירק און אויפֿן שטריק צו גיין״... „דרײַ, זאָגט די נבֿואה, און זאָל ער באַצײַטנס זיך דערצו נעמען, און זאָל ער זיך מיט שטריקגייער און שוואַרצקינסטלער זיך חבֿרן און בײַ זיי זייער מלאָכה לערנען, ווײַל נאָר פֿון זיי וועט ער זײַן לעצט ביסל מזל און מערכה נאָך פֿאַרריכטן...״

„און פֿיר, זאָגט דער טרעפֿער, און זאָל ער דערפֿאַר מיט אַלץ צו באַצאָלן גרייט זײַן — מיטן העמד פֿונעם לײַב, מיט די האָר און אויגן פֿון קאָפּ און מיט אַלעם טײַערסטן, וואָס ער פֿאַרמאָגט נאָר, ווײַל אָן דעם, מעג ער בעסער גלײַך און אויף זײַן שוועל שוין, און איידער ער וועט נאָך זײַן הויז פֿאַרלאָזן, זיך אַ קבֿר גראָבן״.

— ווער? דער לעצטער נזיר!...״

און דאָ האָט דער שטויב־פֿאַרשוין פֿון ביכעלע אַרויסלייענען פֿאַרענדיקט און ער האָט עס פֿאַרמאַכט און צוריק אין שויס־קעשענע אַרײַנגעלייגט. און ער האָט די אויגן צום עולם אויפֿגעהויבן, זיך געווענדט און צוגעגעבן:

קודם לכן ליציאה עצמי התקנתי, ובכל פינות הבית פשפשתי ובכל הארונות, הארגזים והחורים חיטטתי. שמא מציאה, שמא זהב או חפץ מתגולל — וכל מאום לא מצאתי, כי כל שהיה בבניין כבר לפנינו, לפני שנינו, ידי זרים בזוו, ודבר לא עוד נפל בחלקנו, זולת אבק ובלואים ישנים, ׳שמות׳ בצואת עכבו־ים מגואלים, ובאין ברירה בין הבלואים פשפשתי־חיטטתי, והבלואים לא הועלתי בהם כלום, ושום תגר בם בידו לא רצה לנגוע, כי אין שימוש ואין תועלת להם, ואיש בהם אף פרוטה לא רצה לתת, ורק מן ה׳שמות׳ במקצ.ום משהו קיבלתי, ופעם אחת ביניהם קונטרס־נבואה־ונחש מצאתי: בלי לוחות ודפיו צהובים, ואני בו לקרוא התילותי וכל הנבואות ללמוד, ונבואה אחת, — אם לה תרצו לשמוע, גבירותי ורבותי, — אוכל כאן לפניכם לקרוא ולהשמיע...׳

ראנו רוצים, אנו רוצים׳, אחדים מן הקהל רצונם לשמוע הביעו.

ובן־האבק בקשתם עשה, ותיכף את ידו לתוך כיס־חזהו תחב, ומשם את הקונטרס המובטח, שמוצהב הוא וללא לוחות, הוציא, ובו לדפדף החל, ובמקום הדרוש התעכב, ובלי להביט אל הקהל מתוכו קרא לאמור:

׳והנה, הנה זה דבר הנבואה:

׳ראשית, זה דברה, עני יהיה ולא עוד למאום יסכון, וחיותו יינק מקופה של ביזוי, שישא בידיו, על עצמו, ועל תורותיו ומוריו מתמול־שלשום — קופה של לעג וקלס לממכר׳.

׳שנית, זה דברה, כל דרכיו אבדו, וכל מהלכיו תמו, ורק עוד מהלך אחד ייוותר לו — בקרקס ועל גבי החבל להלך...׳

׳שלישית, זה דבר הנבואה, ובעוד מועד בזאת יתחיל נא, ועם מהלכי־על־חבל וע.שי־בלהטים יתרועע ומהם מלאכתם ילמד, כי רק על ידיהם שארית מזלו המעט וגורלו עוד יתקן...׳

׳ורביעית, כה אמר הידעוני, ובעבור כל אלה בכל אשר לו לשלם יהא מוכן — בכותנתו לעורו, בשער ראשו ובבת עינו, ובכל היקר אשר לו, כי בלא אי׳ה, מוטב לו שמיד ועל מפתנו, ובטרם את ביתו יעזוב — לו קבר יכרה׳.

׳מי? הנזיר האחרון!...׳

וכאן בן־האבק קריאתו מן הקונטרס כילה והקונטרס סגר ולתוך כיס־חיקו החזירו. ואת עיניו אל הקהל נשא, ואליהם פנה ואמר:

׳ואני מיד לאחר קריאת דברי־הנבואה האלה ראיתי את אשר יבוא, וכי בית־הנזירים לתוהו סופו, וכי לבסוף גם זה האיש, הניצב פה לפניכם, ה־מפתח בזור־המנעול יסובב ולא עוד שמה ישוב, ואכן עליו דברי הקונטרס יסובו, והנבואה כוונתה לימים רעים מלאכה ומקור־פרנסה לזמן לו.

און ריכטיק: און באַלד איז שוין פֿאַר מיר דאָס גאַנצע צירק־געבײַ געשטאַנען, מיט די בענק און זיץ־פּלעצער אַרום, מיט דער פֿאָרשטעלונגס־מיט און מיט די גאַלערייעס ליידיקע, און קיינער איז אויף די פּלעצער ניט געווען, און קיין אָרט איז אויף די בענק ניט געווען פֿאַרנומען, נאָר אין דער מיט איז דער ריכטער־טיש געשטאַנען, און פּונקט דאָרט, ווי בעת דער פּאַיאַצן־פֿאָרשטעלונג, בעת איך בין דער הויפּטריכטער געווען און מעדאַרדוס מיט די נזירים די געמישפּטע, און איצט פֿאַרקערט, און איצט מעדאַרדוס מיט די נזירים ריכטער, און זיי בײַם טיש, און איך געמישפּט...

און אַ קליינע שײַן און אַ ווייניקע ליכט האָט דאָס געבײַ באַלויכטן, און אַרום איז פֿינצטערלעך און פּוסט געווען, און נאָר בײַם טיש און בײַ די ריכטער — שײַן אַ ביסל, און איך בין פֿאַרן ביסל שײַן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געשטאַנען און מעדאַרדוס האָט מיך אויספֿרעגן גענומען.

און ער האָט געזאָגט:

— צי ווייס איך, אַז אַ לעצטער איז ביז לעצט צו זײַן מחויבֿ, און לעצט הייסט, ביז די שיף אויפֿן וואַסער האַלט זיך, און ביז זי זינקט, און ביז צוזאַמען מיט איר דער קאַפּיטאַן מיט איר?

און איך האָב געענטפֿערט: יאָ, כ׳ווייס.

מעדאַרדוס האָט ווײַטער געפֿרעגט:

— צי ווייס איך, אַז שטויב־פֿאַרשוינען און ענלעכע ברואים זײַנען קיין פֿאַרשוינען און קיין ברואים ניט, און נאָר אויסווײַזעניש, און נאָר אין קראַנקע נזירים־מוחות געבוירענע, און אַז פֿון זיי זיך פֿירן לאָזן איז אַ שאַנד, און זיי אין זייערע וועגן נאָכגיין — שענדלעך.

און איך האָב געענטפֿערט: יאָ, און, ווי ס׳ווײַזט אויס, בין קראַנק, און איך האָב אויסווײַזענישן און פֿאַרבלענדזעניש פֿאַר ווירקלעכקייט אָנגענומען.

און ווײַטער האָט מיך מעדאַרדוס געפֿרעגט:

— און צי ווייס איך דען ניט, אַז נזירים האָבן קיין ווײַבער און במילא אויך קיין קינדער, און אַז מײַן קינד, פֿריִער דאָס שטרויענע און דערנאָך פֿון שטויב־פֿאַרשוין אין לעבן פֿאַרוואַנדלט, איז פֿאַרבלענדזעניש און כּישוף, און כּישוף מוז פֿאַרברענט ווערן, און אויך דער, וואָס נוצט זיך און האָט אַ מינדסטע באַרירונג נאָר מיט כּישוף?

— יאָ, כ׳ווייס, — האָב איך געענטפֿערט.

און דאָ האָב איך פּלוצעם פֿון אַ פֿינצטער ווינקל אין צירק אַ געלעכטער דערהערט, און איך האָב זיך אומגעקוקט, און איך האָב פֿון דאָרט לילין אַראָפּקומען דערזען. און אָנגעקומען איז זי, ווי אַ קאָט אָנגעטאָן, אין רויטן און אין בלוטיקן, און האָט זיך צו מיר און צום ריכטערטיש געלאָזט. און אַז כ׳האָב זיך צוריק אויסגעקערעוועט צום טיש, האָב שוין די פֿריִער בײַ אים זיצנדיקע ניט געטראָפֿן, נאָר אָנשטאָט דעם טיש אַ שײַטער, און מעדאַרדוס און מײַנע תּלמידים זײַנען בײַ אַ זײַט זייער געשטאַנען, און לילי האָט אויף קיין באַפֿעל ניט געוואַרט, און אויף קיין ווונק פֿון מעדאַרדוסן, נאָר זי איז צוגעגאַן, און פֿריִער מײַן טאַטעטער גענומען און לײַכט, ווי שטרוי, האָט זיך יענע געלאָזט, און לילי האָט זי אויפֿן שײַטער אויפֿגעלייגט, דערנאָך צו מיר — און מיר האָט זי אַליין אויפֿגיין געהייסן, און איך בין אַרויף.

און באַלד האָב איך געזען, ווי לילי האָט פֿײַער אָנגעצונדן און צום האַלץ אונטערגעטראָגן, און דאָס פֿײַער האָט זיך אין האַלץ און אין מײַן שטרויענער טאַכטער אָנגעכאַפּט, און דער צירק דער גאַנצער איז באַלד באַלויכטן געוואָרן, און אין צירק שטיל, און די טאָכטער האָט שוין אָפּגעברענט, און איך האָב ערשט גענומען ברענען, פֿריִער די קליידער, דערנאָך דאָס לײַב, די האָר, די הענט, די פֿיס און דאָס פּנים, און איך האָב געפֿלאַקערט.

און איך האָב געברענט און דעם צירק לאַנג באַלויכטן, און ביז דאָס פֿײַער האָט זיך אײַנשטעלן גענומען, דער צירק טונקעלער ווערן און דאָס האָלץ און קוילן צו דער ערד אַראָפּפֿאַלן, און איך בין צו אַש געוואָרן און דאָרט ליכט פֿון שײַטער אַלץ ווייניקער און ווייניקער.

און באַמערקט האָב איך דעמאָלט, ווי מעדאַרדוס האָט די שיך אויסגעטאָן, און מײַנע שילער האָבן דאָס זעלבע און אויך זיי די שיך אַראָפּגעוואָרפֿן, און אַז דער צירק איז שוין אין אַלע פֿיר זײַטן, ווי פֿריִער, פֿינצטער און אויסגעלאָשן געוואָרן און נאָר אויפֿן אָרט פֿון שײַטער — קוילן און אַש שוין אַ בערגעלע, האָט זיך מעדאַרדוס אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט און מײַנע שילער נאָך אים, און אַלע האָבן זיך נאָך מיר שבֿעה געזעצט, און לילי איז אַליין בײַם שײַטערס איינער אַ זײַט געשטאַנען, און זי האָט אין זײַנע קוילן אַ פּאַפּיראָס פֿאַררייכערט, און דערנאָך, און אַז מעדאַרדוס מיט מײַנע תּלמידים זײַנען אין טרויער אָפּגעזעסן אַ צײַט, און איך שוין אויסגעברענט אין גאַנצן, האָב איך זיך פֿון אַש אָנגערופֿן און געזאָגט:

ואכן, מיד כל אולם־הקרקס לפני ניצב, והספסלים וכל מקומות־המושב מסביב, והזירה והיציעים – ריקים, ואין איש בשום מושב, ושום מקום על הספסלים אינו תפוס, אלא בתווך שולחן־השופטים נצב, וממש שם, כבעת הצגת־הליצנים שאני אב־בית־הדין הייתי, ומדארדוס והנזירים הנשפטים הרי עתה להיפך, עתה מדארדוס והנזירים – השופטים, והם לשולחן מסובים, ואני הנידון...

ומאור דל ואור זעום הבניין האירו, ומסביב אפלולית וריק, ורק אצל השולחן והשופטים – אור מעט, ואני לפני האור המעט שח־ראש עמדתי, ומדארדוס בחקירתי פתח. והוא אמר:

׳היודע אני, כי אחרון עד האחרית להיות מחויב, והאחרית משמע – עד שהספינה על פני המים שטה ועומדת, ועד שהיא שוקעת, ועד אשר יחד עמה רב־החובל עמה?׳

ואני עניתי: ׳כן, יודע אני׳.

ומדארדוס הוסיף לשאול:

׳היודע אני, כי אנשי־אבק וברואים כיוצאים בהם אינם אנשים כלל ואינם ברואים כלל, אלא יצירי־דמיון בלבד, ורק במוחות־נזירים חולנים נולדו, והנפתה להנהגתם חרפה עליו מעטה, וההולך בדרכיהם, – מחפיר ומביש׳.

ואני עניתי: ׳כן, וכפי הנראה, חולה אני, ותעתועי־דמיון ואחיזת־עינים לממשות ודאות חשבתי׳.

ומדארדוס לשאול אותי הוסיף:

׳וכלום איני יודע, כי נזירים אין נשים להם וממילא אף בנים ובנות לא, וכי בתי, שתחילה של קש ואחר־כך בן־האבק רוח־חיים בה נפח, מקסם־שווא וכישוף היא, וכישוף דינו שריפה, וכן דינו של האיש הנזקק ויש לו אף נגיעה קלה בקלות בכישוף?׳

׳כן, יודע אני,׳ עניתי.

וכאן פתאום מפינה חשוכה בקירקס קול צחוק שמעתי, ופני הפכתי, ומשם את לילי יוצאת ראיתי. ולבושה כתליין באה, באדום וכעין הדם, ואלי ואל שולחן־השופטים פעמיה שמה. ולאחר שפני החזרתי לשולחן, שוב את המסובים אליו לא ראיתי, אלא במקום השולחן מוקד, ומדארדוס ותלמידי מן הצד עמדו, ולילי לפקודה לא חיכתה, ולא לרמז מאת מדארדוס, אלא ניגשה, והחילה את בתי נטלה, וקל כקש, זו לוקחה, ולילי על המוקד הניחתה, ואחר כך אלי – ואותי ציוותה לעלות בעצמי, ואעלה.

במהרה ראיתי, והנה לילי אש הדליקה ולעצמי הגישה, והאש בעצמי ובבתי של־קש אחזה, והקרקס כולו במהרה הואר, ובקירקס הס, והבת כבר באש נחרכה, ואני אך זה החילי לבעור, תחילה הבגדים, ואחר כך הגוף, השיער הידיים, הרגליים והפנים, והלהבה אפפתני.

ואני באש בערתי והקרקס שעה ארוכה האירותי, עד שהאש לשקוע החלה, והקרקס האפיל והלך והעצים והגחלים לארץ נפלו, ואני לאפר הייתי, ואור המוקד מתמעט והולך.

